# תורת יואל

גליון מס' 30

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

צו - ערב פסח תשפ"ה

## וידבר ד' אל משה לאמור, צו את אהרן ואת בניו לאמר, זאת תורת העולה, הוא העולה, וגו'

אין מדרש רבה שטייט: רבי אבא בר יודן בשם רב יודא בר רבי סימן, **משל למלך:** א משל צו א מלך וואס איז געגאנגען אין מדבר, א גוטער פריינד איז מכבד דעם קעניג מיט א קארב פייגן און א פלאש וויין, דער קעניג פרעגט דאס אלעס? זאגט דער פריינד, דאס איז נאר דא אין מדבר, אין דערהיים אין פאלאץ וועל איך מכבד זיין מיט א גרויסע סעודה.

אזוי האט הקב"ה געפרעגט משה רבינו, זאת **תורת העולה, הוא העולה**? האט משה געענטפערט, די עולה איז נאר לפי שעה - אין מדבר, אבער: **לכשתיטיב ברצונך את ציון תבנה חומות ירושלים, אז תחפוץ זבחי צדק עולה וכליל** (תהילים נא.) טייטש: ווען מיר וועלן זיין אין ירושלים וועלן מיר מקריב זיין א עולה וכליל.

פרעגט דער רבי, וואס איז געווען די קשי'? און וואס איז דער תירוץ פון משה רבינו? און וואס איז דער חילוק צווישן די עולה אין מדבר, און די עולה אין ירושלים? ווי אויך פארוואס לייגט דער פסוק צו **וכליל**, די עולה אין מדבר, ווי יעדע עולה ברויך זיין **כליל** - אינגאנצען פארברענט.

דער רבי זי"ע ברענגט א טייטש פון זיין טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט, אויפן פסוק **הוא העולה**, וואס שטייט מיט א ואו אבער די קריאה - מען לייענט עס מיט א יוד - **היא העולה**, די כוונה איז ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא, **זאת תורה העולה**, דער אפטייטש פון א עולה איז, ווייל עס איז עולה ס'גייט ארויף פאר הקב"ה און ס'איז מכפר - פארצייהט די אידן.

דער מדרש לערנט עס ארויס פון **עקידת יצחק**, וואס דארט שטייט **והנה איל אחר**, וואס מיינט אחר? אחר - נאכדעם, נאך וואס הקב"ה האט געזען ווי אברהם אבינו איז גרייט מקריב צו זיין, זיין זוהן יצחק פאר א עולה, האט הקב"ה צוגעזאגט אז יעדעס מאל וואס א איד וועט מקריב זיין א עולה, וועט דער באשעפער עס מקבל זיין ווי גלייך מ'האט זיך אליינס מקריב געווען פאר הקב"ה.

מיט דעם מדרש איז דער קדיו"ט מפרש דעם פסוק, **היא העולה** דאס איז א עולה, פארוואס, ווייל **הוא** דער מענטש אליין איז זעך מקריב מיט מסירת נפש.

פיהרט אויס דער רבי, אז דאס איז פשט אין דעם מדרש, הקב"ה האט געפרעגט משה **היא העולה**? אויב די <u>מחשבה בשעת הקרבה</u> איז נישט ווי עס באדארף צו זיין, און ס'איז נישטא קיין מסירת נפש, ווי אזוי קען דאס גערעכנט ווערן ווי א עולה, ענטפערט משה רבינו, דער עולה איז נאר אזוי דא אין מדבר, אבער ווען די אידן וועלן זיין אין ירושלים אין הייליגען ביהמ"ק, דאן וועלן די עולות האבן די ריכטיגע כוונה, פון **כליל**, יעדער איד וועט האבן <u>מסירת נפש במחשבה</u>, און טראכטן ווי גלייך ער איז זעך אליינס מקריב פאר השי"ת, ווי עס שטייט **אז תחפוץ זבחי צדק עולה וכליל**, במהרה בימינו אמן.

## מעשה:
## דעם רבין'ס דאגה ערב פסח נאכמיטאג

**ערב פסח תשל"ב**, רביה"ק האט נארוואס אפגעבאקען זיינע מצות, צום סדר און פאר גאנץ פסח, דער סדר איז געווען אז דער רבי איז געפארן אין איין קאר, און דערונטער איז געפארן נאך א קאר מיט די משמשים וואס האבן געברענגט די מצות, אנקומענדיג צום רבין'ס הויז האט מען געווארט דער רבי זאל אריינגיין אין הויז, און דערנאך זענען די משמשים מיט די מצות אריין אין הויז.

דאס יאר מען קומט אן צום הויז, און מ'ווארט דער דאך פון די קאר זאל זיך עפענען, (נאכן סטראוק האט מען געמאכט פארן רבי'ן א ספעציעלע עפענונג אויפן דאך, דער רבי זאל זיך נישט מוזן איינבייגען) אבער די דאך עפענט זיך נישט, ס'איז שוין <u>ער"פ שפעט נאכמיטאג</u>, און דער רבי קומט נישט ארויס פון די קאר, ענדליך נאך בערך צוואנציג מינוט עפנט זיך דער דאך און דער רבי קומט ארויס, און ר' יצחק שווארץ ע"ה - פון די נאנטע שטוב מענטשען, ווייזט מיט די האנט מ'זאל **נאכנישט אריינברענגען די מצות**, די וואונדער וואקסט ווען ר' יצחק אנשטאט אריינגיין אין הויז גייט ער אריין אין זיין קאר און פארט אוועק, נאך א האלבע שעה קומט ער צוריק און גייט אריין אין רבין'ס הויז, ערשט דאן קומט ער ארויס און ווייזט מ'זאל אריינברענגען די מצות.

יעדער איז באפאלן ר' יצחק מיט פראגעס, **וואס איז דא פארגעקומען?** דערציילט ר' יצחק, אויפן וועג אהיים פון די מצה בעקעריי זאגט דער רבי, אז היי יאר איז אוועק א מלמה, **און ווער ווייסט צו די אלמנה האט אויף פסח**, זאגט ר' עזריאל, אז ר' שלום לויפער וואס איז ממונה פון קהל אויף קמחה דפיסחא האט זיכער אלעס צוגעשטעלט, דער רבי זי"ע זאגט **ער איז נישט רואיג**, און וואס מ'האט געזאגט פארן רבי'ן האט דער רבי נישט אנגענומען, אזוי איז אנגעגאנגען <u>צוואנציג מינוט אין די קאר</u> פארן הויז, ביז ר' יצחק זאגט אז ער וועט אריבערגיין צו די אלמנה זיכער מאכן אז ס'פעלט נישט גארנישט, און דער רבי זאגט אז ער <u>וויל נישט אריינברענגען די מצות</u> ביז מ'איז נישט מברר צו די אלמנה האט באקומען אלצדינג אויף פסח.

**ר' יצחק ווייזט נישט אריינברענגען די מצות**, ער פארט אריבער צו די אלמנה און קומט תיכף צוריק צום רבי'ן און זאגט, ער האט געזען א שיינעם צוגעגרייטן סדר טיש, דער רבי פרעגט די קליינע יתומים האבן <u>נייע קליידונג און שיך</u>, ר' יצחק זאגט יא ער האט געזען נייע אנצוג'ער, און **ליתר שאת** האט ער געגעבן די אלמנה $500 זי זאל האבן א שמחת יו"ט, דער רבי האט אויפגעלאכטן, **יא:** <u>דאס האב איך געוואלט הערן</u>, און איצט ברענגטס אריין די מצות לכבוד פסח.

יגיעות קאלמן
מנהג | טעמו | ומקורו

## מנהג: מ'זאגט די הגדה שבת הגדול, אפי' ס'געפאלט ער"פ - ווי היי יאר.

**מקורו** רמ"א: המנהג לומר ההגדה בשה"ג במנחה, **מעבדים היינו עד לכפר** וגו', דער באר היטיב לייגט צו <u>אפי' כשחל שבה"ג ערב פסח</u>, דער מהרש"ל זאגט א טעם, כדי זיך מסדר צו זיין די הגדה מקודם, אין ליקוטי מהרי"ח ברענגט א טעם ע"פ דברי **הבאר מים חיים** (נצבים) אז די ניסים פון יציאת מצרים, <u>עיקר ושרשו משבת</u> שלפניו.

דער גר"א האט מפקפק געווען אין דעם מנהג, **וטעמו**, ווייל מ'זאגט אין די הגדה פסח ביינאכט, <u>יכול מראש חודש - יכול מבעוד יום, ת"ל בעבור זה</u>, איז דאס זאגן שבת בעפאר היפך דבריו, אזוי אויך דער יעב"ץ בספרו מור וקציעה, וואונדערט זיך אויף דעם מנהג, און פיהרט אויס אז עכ"פ שבת ער"פ זאל מען נישט זאגן, אזוי ווי מ'איז מקפיד נישט צו עסן מצה ערב פסח

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

## יארצייט ערב פסח:
## שארמאש'ער רב זצ"ל - ארבעים שנה לפטירתו

ער"פ פאלט אויס די יארצייט, **של האי גברא רבה**, הגה"צ רבי נפתלי הירצקא בן שמחה יוסף זצ"ל העניג, אבד"ק שארמאש, זיין מוטער הרבנית חנה, איז געווען א אייניקל פון גאון און קדוש הרה"ק ר' הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע, און נתגדל געווארן ביים ראצפערטער זיידע, און נאך די פטירה געקומען אין חלום אז זי וועט האבן א קינד א תלמיד חכם, און דאן איז געבוירען דער שארמאשער רב זצ"ל.

דער שארמאש'ער רב איז געווען פאר לאנגע יארן געווען דער אומאפיציעלער דיין אין סאטמאר בית המדרש, און ווי אויך דער **יושב ראש פון די בית הוראה שע"י התאחדות הרבנים**, און בנוסף אנגעפיהרט די אסיפות פון התאחדות הרבנים, און מיטגעשטאנען מיט רביה"ק און די מערכות למען כבוד שמים, צוזאם גענומען די חתימות פון די רבנים בשעת מ'האט מפרסם געווען דער קול קורא קעגן די בחירות הטמאות.

**שארמאש'ער רב זצ"ל** איז געווען א עובד ד' מנעריו, ווי ער האט אליינס געזאגט פאר אן אייניקל, מיט דעם לשון, **זייט די בר מצוה האב איך זיך פאר 5:00'ער פארטאגס נישט אראפגעלייגט**, א מתמיד עצום, ווי הרה"ח ר' זושא שניצלער ע"ה האט דערציילט (געווען א שכן אין די קאנטרי) ווי שפעט איך זאל מיך נאר לייגן - אדער ווי פרי אויפגעשטיין, איז דער שארמאש'ער רב אלץ געזיצען ביי די גמרא, איך האב זיך גענומען די מיה נאכצוקוקען א מוצאי שבת, **שארמאש'ער רב האט געלערנט א גאנצע נאכט**, 6:30 פארטאגס האט ער איינגעטוישט דעם שטריימעל צום הוט, און זיך געגרייט צום דאווענען פריש און מונטער.

**הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל** האט פארציילט, איינמאל האט רביה"ק געהייסן אריבערופן דעם שארמאש'ער רב, ר' יוסל געט א קוק אויפן זייגער און זאגט פארן רבי'ן, <u>ס'איז דריי אזייגער ביינאכט</u>, דער רבי צושמייכעלט זיך און זאגט **צום שארמאש'ער רב קען מען גיין דריי אזייגער אויכעט**, די רעבעצין פלעגט זיך בעטן ביים רבי'ן, שפעט ביינאכט, ער זאל זיך שוין גיין אנלאנען,

דער רבי פלעגט אלץ ענטפערן, **וואס ווילסטו פון מיר, דער שארמאש'ער רב שלאפט נאך אויכעט נישט.**

שארמאש'ער רב איז געווען א סיגוט'ער אפשטאמיגער, און נאך געדענקט דעם קדושת יו"ט, און געווען א שטארקער חסיד פון דעם עצי חיים, און נאך די פריצייטיגע פטירה פון עצי חיים, האט ער זיך מדבק צו רביה"ק נאך אין קראלי, און אוודאי אחר שנות הזעם, ווען ער האט זיך באזעצט אין וויליאמסבורג

דער רבי האט עם מכבד געווען מיט בעל מקריא לתקיעות, א חזקה וואס ער האט אנגעהאלטן דרייסיג יאר אנגעהויבען שנת תש"ט, דעם לעצטן יאר תשל"ט, האט דער רבי אים מכבד געווען מיט די תקיעות, ווי דער רבי האט זיך דערנאך אויסגעדריקט **שארמאש'ער רב האט פיין געבלאזן.**

**ממלא מקומו לאחר פטירתו** בקהילת שארמאש, זיין חשוב'ער איידעם, דער בארימטער גאון און מתמיד הרה"ג ר' יואל מארגענשטערן ז"ל, פון די חשוב'סטע תלמידים פון רבי'נ'ס ישיבה

**פסח:** איז געווען דער סדר אז חתנים האבן געקענט מיטהאלטן <u>דעם רבי'נ'ס סדר נאכט</u>, דער רבי האט דורך געקוקט די ליסטע און געגעבן זיין הסכמה ווער עס קען קומען, איינמאל איז ר' יואל'יש מארגענשטערן געווען אויף די ליסטע, אפי' ער איז נאכנישט געווען א חתן, און די סיבה: ווייל ער האט זיך פארהערט מסכת פסחים, און דער רבי קוקט דורך די ליסטע און זאגט **יא** <u>ער קען קומען</u> ווייל **עם זעה איך.**

**פשט אין די ווערטער** האט געזאגט איינער פו די שטוב מענטשען, אז דער רבי פלעגט עוסק זיין **בתורה ועבודה** רוב נאכט, און דרימלען נאר אויף די קאנאפע, דער רבי פלעגט ארויסקוקען פון די פענסטער ביינאכט, און נאר ווען ער האט געזען איינעם גיין אין שוהל פלעגט ער זיך צולייגן, (לכאורה ווייל ער האט נישט געוואלט איבערלאזן די שטאט אן תורה) און דער רבי האט געזאגט אויף ר' יואל'יש **עם זעה איך כסדר.**

יד׳יעות קאלומען

מנהג | טעמו | ומקורו

## מנהג: צו זאגן שיר השירים נאכן סדר.

**מקורו:** אין מסכת פסחים (קי"ז א') שטייט אז די אידן האבן געזאגט שירת **אז ישיר** און אויך געזאגט הלל, דער **רוקח** צייכענט צו א **סדר עולם** אז די אידן האבן געזאגט דעם מזמור הודי **לד' כי טוב וכו'** וואס הייסט **הלל הגדול.**

אין די ראשונים ווערט געברענגט (תוספות השלם - בשלח) אז די אידן האבן אויך געזאגט **שיר השירים**, און טייטש אויס דעם פסוק **את השירה הזאת** <u>את</u> לרבות **שיר השירים**, און ספר הקנה שטייט אז די ווארט <u>השירים</u> איז די אותיות **השיר ים.**

און כאטש די מזמורי הלל האט דוד המלך - און שיר השירים האט שלמה המלך מחבר געווען אסאך שפעטער, די אידן בשעת קריעת ים סוף זענען געווען אויף אזא הויכע מדריגה, אז זיי האבן מכוון געווען וואס דוד און שלמה וועלן מחבר זיין שפעטער.